Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

לַרגען זשורנאָדער מא, 13.07.1921, page 10

# יוסף חיים ראוז ע"ה

נעכטען, דיענסטאג פריה, האט אויף אייביג געשלאסען זיינע אויגען, אין עלטער פון 62 יאהר, ר' יוסף ראוז ע"ה, אין זיין וואהנונג 1266—54טע סטריט, בארא פארק. דער נפטר איז נאך איינער פון יענעם טיפ אידען, פון וועלכען מיר ווערען ארימער און ארימער מיט יעדען פאל, אבער ער איז געווען א מאדערנער מענש, א געבילדעטער אין אלע צווייגען פון ליטעראטור, וויסענשאפט. און איז דאצו געווען א גוטער געשעפטסמאן און א טיכטיגער כלל טהוער.

מר. ראוז איז געקומען אהער פון מעזריטש, שעדליצער גובערניע, נאך פאר בר מצוה, און האט אויסגענוצט די געלעגענהייטען פאר בילדונג און גייסטיגע ענטוויקלונג וואס דאס לאנד האט געאפערט. ער האט דא שטודירט תלמוד פונקט ווי ענגליש און די קלאסיקער. עס איז א פאקט אז זאגאר אין זיינע לעצטע טעג האט ער שטודירט גריכישע פילאזאפיע און דייטשע מיטהאלאגי. ער איז געווען א מלא ונדוש, סיי אין תלמוד און סיי אין די חכמי אומות העולם, און דערפאר איז ער געווען זעהר ווילקאמען צווישען רבנים ווי אין די יונגע געבילדעטע קרייזען, ביי וועמען ער איז געווען בעקאנט אלס "די לעבעדיגע ענציקלאפעדיא".

מר. ראוז איז געווען אן איבערגעבענער ציוניסט, און ער האט צוויי מאל בעזוכט ארץ ישראל. ער איז איינמאל געפאהרען אין די אינטערעסען פון כולל אמעריקא, אין דער צייט ווען עס איז פארגעקומען דער חלוקה קאמפף. א דאנק איהם זיינען געמאכט געווארען וויכטיגע ארדנונגען אין אמעריקאנעם קאנסול'ס אפיס וועגען אידישע אמעריקאנער נפטרים אין'ם היילינען לאנד.

דער נפטר לאזט איבער אויסער זיין פרוי עממא, פיער פערהייראטהע טעכטער: מרס. געלדמאן, מרס. אלעקס בארענשטיין, מרס. מיטשעל סמאלאראוו, מרס. מאקס מאגיד און צוויי זיהן דייוו ראוז און סעמיועל ראוז. דער לעצטער וועלכער האט ערשט לעצטע וואך חתונה געהאט.

ער האט זיינע קינדער געגעבען זעהר א גוטע ערעלע אידישע ערציהונג, ווייל מר. ראוז האט אימער געהאלטען אז תורה איז דער מקור החיים, אז בילדונג איז דער עיקר, און אויב ער האט עטוואס פיינט געהאט אין זיין לעבען איז געווען —עם הארצות— און ער האט פאר זיינע טעכטער געקליבען אזעלכע מענער וואס זאלען זיין פאסיג פאר זיין בית ועד לחכמים.

ווי געזאגט, איז מר. ראוז געווען א טיכטיגער כלל טהוער, און האט בעזאנדערס געטהאן פאר בילדונגס אינסטיטוציעס. גאנץ בארא פארק און אלע וועלכע זיינען נור מיט איהם געקומען אין בעריהרונג טרויערן אויף זיין פלעצליכען טויט.

די לויה קומט פאר היינט אום 2 אוהר פון זיין לעצטע וואהנונג, און וועט בעערדיגט ווערען אויף די קרקע פון אגודת בני ארץ ישראל אויף לבנון סעמעטערי. הרב דר. געלערנטער, וועלכער איז געווען זיינער אן אינטימער פריינד וועט איהם מספיד זיין.

דער נפטר איז געווען א מוסטער פון שעהנעם נאבעלען אידישען לעבען, פון זיין א שטאלצער איד און א געטרייער אמעריקאנער, א גוטער פאטער און געטרייער פריינד, א געבילדעטער מענש און א כלל טהוער, א מוסטער פון איינעם וואס האט בעשעהנט זיין לעבען און בעשעהנט אלע וועלכע זיינען געקומען מיט איהם אין בעריהרונג.

שלום לעפרו.